NEW

# לקוטי שיחות

SHEMINI שמיני

VOLUME 1, P. 222-230

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# SHEMINI I | שמיני א

Adapted from *sichos* delivered on *Shabbos Parshas Re'eh,* 5710 (1950), and *Shabbos Parshas Shemini,* 5716 (1956)

## Introduction

"You are what you eat" – this popular adage captures a basic truth recognized by both modern nutritionists and ancient wisdom alike. But in Jewish tradition, this principle extends far beyond physical health to encompass spiritual wellbeing. The Torah's dietary laws aren't merely arbitrary restrictions; they reflect profound spiritual realities that shape not just our bodies but the spiritual dimensions of our characters.

In the following *sichah*, the Rebbe reveals how the signs identifying kosher animals serve as a mystical blueprint for human conduct. The split hoof demonstrates the necessity to create separation between ourselves and earthliness, while still allowing Divine light to penetrate our material activities. Chewing the cud points to repeatedly "processing" our actions, examining and re-examining our engagement with the physical world to ensure it aligns with Divine intent.

These insights transform our understanding of *kashrus* into a comprehensive approach to life. Through these laws, the Torah guides us in refining the aspects of our physical nature so they can be elevated to serve a higher purpose. By internalizing the principles that the laws of *kashrus* embody, we learn to navigate material existence while maintaining our connection to "G-d's true oneness,"[1] ensuring that even our most earthly endeavors remain infused with Divine light.

---

1. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 9.

# Kosher Signs, a Mystical Imprint

## What Signs Say

**1. This week's Torah portion discusses the kosher animals which one may eat and the non-kosher animals which one may not eat. The Torah provides two identifying signs for a kosher animal:** It must **chew its cud and have split hooves.**

**Regarding these signs, there is a scholarly inquiry[1] whether:**

**a)** The signs **are the cause of** the animal's **kosher or non-kosher status. In other words, because the animal chews its cud and has split hooves, it is kosher, while** the lack of these signs causes the animal to be non-kosher.

**b) Alternatively,** the signs **are merely identifying factors** that indicate the kosher status of the animal, **while the status itself stems from other causes. G-d endowed them with signs through which we can identify** their status **so that we know which animals are kosher.**

**What is the difference between these two approaches? The law is that** an animal **born from a kosher** animal **is itself kosher even if it does not have the signs of kosher status.[2] For example,** an animal born **with uncloven hooves** but **born from a kosher animal** is kosher. **Although it lacks any signs of kosher status, nevertheless, it** receives that status **since it comes from a kosher** animal.

א. אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה רֶעדט זִיךְ וֶועגְן דִי בְּהֵמוֹת טְהוֹרוֹת וֶועלְכֶע מֶען מֶעג עֶסְן, אוּן דִי בְּהֵמוֹת טְמֵאוֹת וָואס מֶען טָאר נִיט עֶסְן. אוּן דִי תּוֹרָה גִיט אָן צְוֵויי סִימָנִים אוֹיף אַ בְּהֵמָה טְהוֹרָה: מַעֲלַת גֵּרָה אוּן מַפְרֶסֶת פַּרְסָה.

וֶועגְן דִי סִימָנִים אִיז פַּארַאן אַ חֲקִירָה[א], צִי זֵיי זַיְינֶען סִבּוֹת אוֹיף טַהֲרָה וְטוּמְאָה, דָאס הֵייסְט אַז מִצַּד דֶעם וָואס דִי בְּהֵמָה אִיז אַ מַעֲלַת גֵּרָה אוּן אַ מַפְרֶסֶת פַּרְסָה אִיז זִי אַ טְהוֹרָה, אוּן אַזוֹי פַּארְקֶערְט, אָדֶער זֵיי זַיְינֶען בְּלוֹיז סִימָנִים הַמְבָרְרִים, דָאס הֵייסְט, אַז דִי טַהֲרַת הַבְּהֵמָה אִיז מִצַּד אַנְדֶערֶע סִבּוֹת, נָאר בִּכְדֵי מִיר זָאלְן וִויסְן וֶועלְכֶע בְּהֵמוֹת זַיְינֶען טְהוֹרוֹת, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרַיְינְגֶעגֶעבְּן אִין זֵיי סִימָנִים דוּרְךְ וֶועלְכֶע מִיר וֶועלְן וִויסְן אַז זֵיי זַיְינֶען טָהוֹר.

דֶער חִילּוּק פוּן דִי צְוֵויי אוֹפַנִּים אִיז:

דֶער דִין אִיז אַז הַיּוֹצֵא מִן הַטָּהוֹר טָהוֹר כו'[ב], כָאטשׁ עֶר הַאָט נִיט קֵיין סִימָנֵי טַהֲרָה. ווִי צוּם בַּיְישְׁפִּיל, הַיּוֹצֵא מִן הַטָּהוֹר וּפַרְסוֹתָיו קְלוּטוֹת, כָאטשׁ עֶר הָאט נִיט קֵיין סִימָנֵי טַהֲרָה, וִויבַּאלְד, אָבֶער, עֶר קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ טָהוֹר אִיז עֶר אוֹיךְ טָהוֹר.

1. **See the Rogatchover** ***Gaon's Tzafnas Panei'ach*** **on** ***Rambam, Hilchos Maachalos Assuros*** **1:1, which discusses all the following in elaborate detail. Note** ***Moreh Nevuchim,*** **Vol. 3, ch. 48.** In that source, *Rambam* writes: "[An animal's possession of] the signs [that designate it as kosher] are not the reason it is permitted, nor is a lack of those [signs] the reason it is forbidden. Nevertheless, they are signs {that enable us to} know which type of food is exemplary and which is deplorable." **See also** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 2, p. 375ff.**

2. ***Bechoros*** **5b;** *Rambam, Hilchos Maachalos Assuros* 1:4-5.

**If we say,** as with the second approach, **that the signs of kosher status are merely identifying signs, then this law is also understandable from a logical perspective. Since an animal was born from a kosher mother**, the presence or lack of **kosher signs is not significant.**

**If, however, we say,** as with the first approach**, that the signs are the cause of** the animal's **kosher status, then logically it should follow that** [**an animal with**] **uncloven hooves should not be kosher. It is due solely to a Divine decree (*gezeiras hakasuv*) that the law states that the animal is in fact kosher.**

**There is a practical difference** in *halachah* **whether** an animal's **kosher status derives from logical reasoning or from a Divine decree: It is forbidden to use kosher food for amusement. When does this apply? If the food derives from a kosher species. If, however, its species is non-kosher, yet it is kosher due to a Divine decree, then this prohibition does not exist.**

**The proof for this** is found in an explicit verse,[3] **"Leviathan, which You created to sport with...."** Since the Leviathan will be served to the righteous at the feast to be held for them in the Ultimate Future,[4] we know that it is kosher and, consequently, **the *Talmud Yerushalmi*[5] asks: How is it permitted to play with a kosher creature? It answers that the Leviathan is intrinsically a non-kosher creature but** will be **permitted** in the Ultimate Future by Divine decree **in exception to its [inherent] forbidden status. We see from this that if** a species' **kosher status is due to a Divine decree, it is permitted to sport with it.**

אוֹיב מֶען וועט זָאגְן אַז דִי סִימָנֵי טַהֲרָה זַיְינֶען נִיט מֶער ווִי סִימָנִים מְבָרְרִים, אִיז דֶער דִין פַארְשְׁטַאנְדִיק אוֹיךְ מִצַד הַסְבָרָא: וְוִיבַּאלְד עֶר אִיז יוֹצֵא מִן הַטָהוֹר, הָאט דָארְט דֶער עִנְיָן פוּן סִימָנִים קֵיין אָרְט נִיט. אוֹיבּ, אָבֶּער, מֶען וועט זָאגְן אַז דִי סִימָנִים זַיְינֶען אַ סִבָּה אוֹיף דֶער טַהֲרָה, דַארְף מִצַד הַסְבָרָא אוֹיסְקוּמֶען אַז אוֹיבּ פַּרְסוֹתָיו קְלוּטוֹת דַארְף עֶר זַיְין טָמֵא. אוּן דָאס וָואס דֶער דִין אִיז אַז עֶר אִיז טָהוֹר אִיז דָאס מִצַד גְזֵירַת הַכָּתוּב.

אַ נַפְקָא מִינָּהּ לְדִינָא, צִי דִי טַהֲרָה אִיז מִצַד הַסְבָרָא, צִי מִצַד גְזֵירַת הַכָּתוּב אִיז:

מִיט אַ דָבָר טָהוֹר טָאר מֶען זִיךְ נִיט שְׁפִּילְן. ווען אִיז דָאס גֶערֶעדט גֶעווָארְן? אוֹיבּ עֶר אִיז פוּן אַ מִין טָהוֹר, אוֹיבּ, אָבֶּער, זַיְין מִין אִיז אַ טָמֵא, נָאר עֶר אִיז טָהוֹר מִצַד אַ גְזֵירַת הַכָּתוּב, אִיז דֶער אִיסוּר נִיטָא.

דִי רַאְיָה אוֹיף דֶעם: לִוְיָתָן זֶה יָצַרְתָּ לְשַׂחֶק בּוֹ, פְּרֶעגְט דֶער יְרוּשַׁלְמִי[ה], ווִי מֶעג מֶען זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אַ דָבָר טָהוֹר? אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט, אַז לִוְיָתָן אִיז בְּעֶצֶם אַ דָבָר טָמֵא וְהוּתַּר מִכְּלַל אִיסוּר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אוֹיבּ דִי טַהֲרָה אִיז מִצַד אַ גְזֵירַת הַכָּתוּב, מֶעג מֶען זִיךְ דֶערְמִיט שְׁפִּילְן.

## Signs and Significance

**2. There are several proofs that the signs** mentioned in the Torah **are a cause of kosher status. This is also implied from the language of the verse, which**

ב. עֶס זַיְינֶען פַאראַן כַּמָּה רַאְיוֹת אַז דִי סִימָנֵי טַהֲרָה זַיְינֶען אַ סִבָּה אוֹיף דֶער טַהֲרָה. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מַשְׁמַע פוּן לְשׁוֹן הַפָּסוּק, וָואס עֶר

3. Tehillim 104:26.

4. *Bava Basra* 74b-75a, *et al.*

5. ***Talmud Yerushalmi, Shabbos,*** **the conclusion of ch. 9. See also the conclusion of ch. 3 in Tractate *Chulin*** in the *Talmud Bavli,* **and**[*Maharsha's* ***Chidushei Aggados*** **on that source.**

**states, "*For* it chews its cud but does not have a split hoof,** it is impure to you."[6] The implication of the verse is that *because* it lacks one of the signs of kosher status, it is not placed in the kosher category.

**There is also proof from the law that a swamp rooster[7] is forbidden. *Tosafos*[8] explains that the principle "[an animal born] from a kosher [animal] is kosher" does not apply to** the male of this species **because the chick** is not born directly from the mother, but it is hatched from an egg and is halachically considered as having **grown from the earth.[9] Therefore, it is deemed non-kosher because it has the signs of a non-kosher fowl.[10]**

**Were we to say that** the signs **are merely identifying factors, then since we know that the mother of the** swamp **rooster** is kosher, **why should it matter that it has non-kosher signs? We must therefore say that the signs are a cause of kosher status, and the principle that "[a living creature born] from a kosher species is kosher" is a Divine decree. Accordingly,** since a swamp rooster **is deemed as having grown from the earth, this principle does not apply** to it.

Building on the above discussion, **we need to understand the relationship of chewing the cud and having split hooves to** an animal's **kosher status. In particular, when considering the inner meaning of this matter – even if we say that the signs are merely identifying factors** and not causes – **it is well known that everything, even worldly matters, comes about as a result of Divine Providence. How much more so is this true regarding matters concerning the Torah and its *mitzvos*. Therefore, the very fact that these signs were established for** identifying an animal's **kosher status demonstrates that they are [at least] related to kosher status – [if only]** as **an effect** of the animal being kosher, and **not as a cause in accordance with the first approach.**

זָאגְט, כִּי מַעֲלֵה גֵרָה הוּא וּפַרְסָה אֵינֶנּוּ מַפְרִיס וגו׳.

עֶס אִיז אוֹיךְ אַ רַאְיָה פוּן דֶעם דִין תַּרְנְגוֹל דְּאַגְמָא אָסוּר. זָאגְט תּוֹסְפוֹת[ז] אַז דָא גֵייט נִיט אָן דֶער כְּלַל הַיוֹצֵא מִן הַטָּהוֹר טָהוֹר, וַוייַלֶע דֶער אֶפְרוֹחַ מֵעַפְרָא קָא גָדִיל (עֶר וַואקְסְט פוּן עֶרְד), בְּמֵילָא וֶוערְט עֶר טָמֵא מִצַד דִי סִימָנֵי טוּמְאָה. אוֹיבּ מֶען וֶועט זָאגְן אַז זֵיי זַיְינֶען נָאר סִימָנִים הַמְבָרְרִים, הַיְינְט וִויבַּאלְד אַז מֶען וֵוייס פוּן וָואס פַאר אַ מִין דֶער תַּרְנְגוֹל קוּמְט, אִיז וֶועמֶען אַרְט דָאס אַז עֶר הָאט סִימָנֵי טוּמְאָה? מוּז מֶען זָאגְן אַז דִי סִימָנִים זַיְינֶען אַ סִבָּה צוּ דֶער טַהֲרָה, אוּן דֶער כְּלַל הַיוֹצֵא מִן הַטָּהוֹר טָהוֹר אִיז אַ גְזֵירַת הַכָּתוּב, דֶערְפַאר אוֹיבּ מֵעַפְרָא קָא גָדִיל - אִיז דָאךְ נִיט שַׁיָיךְ דֶער כְּלַל.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן מַעֲלַת גֵרָה וּמַפְרֶסֶת פַּרְסָה צוּ טַהֲרָה. וּבִפְרַט אַז בִּפְנִימִיוּת הָעִנְיָן, - אֲפִילוּ מֶען וֶועט זָאגְן אַז דִי סִימָנִים זַיְינֶען נִיט מֶער ווִי מְבָרְרִים, - אִיז ווִי בַּאוואוּסְט אַז אַלְץ אֲפִילוּ עִנְיָנִים פוּן וֶועלְט זַיְינֶען בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, וְעַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה עִנְיָנֵי הַתּוֹרָה וּמִצְוֹתֶיהָ, אִיז דָאךְ פוּן דֶעם גוּפָא וָואס דִי סִימָנִים זַיְינֶען נִקְבָּע גֶעוָוארְן אוֹיף טַהֲרָה, אַ רַאְיָה אַז זֵיי זַיְינֶען שַׁיָיךְ צוּ טַהֲרָה, עַל כָּל פָּנִים בְּתוֹר מְסוּבָּב, נִיט בְּתוֹר סִבָּה ווִי לוֹיט דֶעם עֶרְשְׁטְן אוֹפֶן.

6. *Vayikra* 11:4.

7. The identity of the fowl described as a swamp rooster is a matter of question. The Talmud states that the female of this species is kosher, but the male is not.

**8.** The first opinion in *Tosafos*, ***Nidah* 50b, s.v. *tarnegolta.***

9. See *Temura* 31a.

10 Although the Torah does not mention the signs through which fowl are designated as kosher, but only lists those fowl that are not kosher, our Sages (*Chulin* 59a, 60bff.) identified certain characteristics found in these non-kosher fowl.

## Character Through Consumption

3. **The food a person eats is transformed into** his **flesh and blood. As such, one of the reasons**[11] **the Torah prohibits** eating certain **foods is so that the characteristics of the forbidden** animal **that are not desirable**[12] **do not become incorporated into the person's** body and character.

**On this basis, it is** possible to **understand** that this applies also **regarding the signs** that designate **kosher and non-kosher status. The prohibition against eating animals that do not chew their cud and have split hooves** exists **so that the** undesirable **traits** and **characteristics** identified with these animals **should not be transferred to the person** partaking of them. **The implication is that a person's conduct should** exemplify the qualities of **having split hooves and chewing cud.**

ג. אֵיינֶער פוּן דִי טַעֲמִים[ה] אוֹיף מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת אִיז, ווַיְיל פוּן יֶעדֶער מַאֲכָל וואָס מֶען עֶסְט ווֶערְט דָאךְ דָם וּבָשָׂר כִּבְשָׂרוֹ, הָאט דִי תּוֹרָה גֶע'אַסֶר'ט דִי מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת בִּכְדֵי עֶס זָאלְן נִיט אַיְינְגֶעגְלִידֶערְט ווֶערְן אִין דֶעם מֶענְטשׁ דִי אֵייגְנְשַׁאפְטְן פוּן דֶעם מַאֲכָל הָאָסוּר, וואָס זַיְינֶען נִיט קֵיין גוּטֶע.

פוּן דֶעם אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אוֹיךְ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן סִימָנֵי טַהֲרָה וְטוּמְאָה. דֶער אִיסוּר פוּן עֶסְן אַזֶעלְכֶע בְּהֵמוֹת ווֶעלְכֶע זַיְינֶען נִיט מַעֲלֵה גֵרָה אוּן מַפְרִיס פַּרְסָה בִּכְדֵי דִי תְּכוּנוֹת - אֵייגְנְשַׁאפְטְן - זָאלְן נִיט אִיבֶּערְגֵיין אִין דֶעם מֶענְטשׁ - בַּאווַיְיזְט אַז דֶעם מֶענְטשְׁנְס פִירוּנְג דַארְף זַיְין - מַפְרִיס פַּרְסָה אוּן מַעֲלֵה גֵרָה.

## Signs of Character

4. **As has been** frequently **stated, everything in the Torah serves as a lesson, an instruction for a person** to apply in his life. **Therefore, the fact that the signs in an animal are, at the very least, indications of the kosher status of the animal, also teaches that the traits** that parallel **chewing the cud and having split hooves** reflect **positive virtues.** Having or lacking qualities that correspond to these characteristics **clarify and distinguish a person's conduct, whether it is pure, or the opposite (Heaven forbid).**

**There is** yet **another aspect to this: These criteria and identifying signs for kosher status pertain** specifically **to an animal. Similarly with regard to a person,** they apply to **the "animal" in**

ד. ווִי גֶעזָאגְט אַז אִין תּוֹרָה אִיז יֶעדֶער עִנְיָן אַ הוֹרָאָה, אַן אָנְווַיְיזוּנְג צוּם מֶענְטשׁ, אִיז דָאס - וואָס דִי סִימָנִים בַּיי אַ בְּהֵמָה זַיְינֶען, עַל כָּל פָּנִים, לְבָרֵר טַהֲרַת הַבְּהֵמָה - אוֹיךְ אַ הוֹרָאָה אַז דִי תְּכוּנוֹת מַעֲלֵה גֵרָה אוּן מַפְרִיס פַּרְסָה בַּיי דֶעם מֶענְטשְׁן, זַיְינֶען מְבָרֵר אוּן מַבְחִין זַיְינֶע הַנְהָגוֹת, צִי זֵיי זַיְינֶען טָהוֹר, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט.

נָאךְ אַ פְּרַט אִין דֶעם: דִי הַבְחָנָה וּבִירוּר אוֹיף טַהֲרָה - זַיְינֶען בְּנוֹגֵעַ אַ בְּהֵמָה. וְדוּגְמַת זֶה בְּאָדָם - הַבְּהֵמָה שֶׁבְּלִבּוֹ

---

11. ***Ramban* on *Vayikra* 11:13. See also the *Shulchan Aruch, Yoreh Deah* 81:7.** Both of these sources emphasize the possibility of undesirable character traits resulting from eating non-kosher foods.

12. In his characteristic fashion, the Rebbe does not refer to something as "bad."

**his heart, the animal soul.** [However,] **these criteria and identifying signs do not apply concerning the matters of the Divine soul: The Torah and its commandments.** They are inherently good. Accordingly, **whether** the Torah and its *mitzvos* **are carried out completely for their own sake (*lishmah*) or with ulterior motives,** external **criteria are not** necessary to **determine** their acceptability, **because even when** one acts **with ulterior motives, one should still study Torah and fulfill its commandments.** As our Sages state,[13] **"One should always study** [Torah] **and fulfill** [its] **commandments even** [if] **not for their own sake, because from** doing so not for their own sake, one will eventually come to do so for their own sake." **The criteria** for a kosher animal used to clarify the nature of a person's actions are necessary only **regarding material matters that are connected with the animal soul; one must discern whether the "animal" is kosher or not.**

**The Torah mentions both** types of **animals,** not only the kosher animals but **also the non-kosher animals. This means that even when conducting oneself according to Torah, one can also** [behave as] **a non-kosher animal,** so to speak. As ***Ramban*** **says,**[14] **one can be "a degenerate with the permission of the Torah,"** indulging in permitted pleasures without restraint. It will **appear** to the person **that** he is acting **with the permission of the Torah,** for he is not transgressing any prohibitions. **In truth, however, he is violating the commandment,**[15] **"You shall be holy," which is a fundamental and primary commandment. To distinguish what is a kosher animal, the Torah gives two signs: a) split hooves** [and] **b) chewing cud.** We must thus clarify [these signs'] corresponding qualities in our conduct.

שֶׁל אָדָם, דִי נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית. דִי הַבְחָנָה אוּן בֵּירוּר זַיְינֶען נִיט בְּנוֹגֵעַ דִי עִנְיָנִים פוּן נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית, תּוֹרָה וּמִצְוֹתֶיהָ, צִי זֵיי זַיְינֶען אִינְגַאנְצְן לִשְׁמָהּ צִי מִיט אַ פְּנִיָּה, נִיט אוֹיף דֶעם אִיז דִי הַבְחָנָה - וָוארוּם אֲפִילוּ בְּשַׁעַת ס'אִיז מִיט אַ פְּנִיָּה דַארְף מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מְקַיֵּים זַיְין מִצְוֹת, לְעוֹלָם יִלְמוֹד וִיקַיֵּים מִצְוֹת אֲפִילוּ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ שֶׁמִּתּוֹךְ כו'. דִי הַבְחָנָה אִיז בְּנוֹגֵעַ עִנְיָנִים הַגַּשְׁמִיִּים, וָועלְכֶע זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיטְן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, דַארְף מֶען מַבְחִין זַיְין צִי דִי "בְּהֵמָה" אִיז אַ טְהוֹרָה צִי נִיט.

בֵּיידֶע בְּהֵמוֹת שְׁטֵייעֶן אִין דֶער תּוֹרָה, אוֹיךְ דִי בְּהֵמָה טְמֵאָה. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ פִירְנְדִיק זִיךְ עַל פִּי תּוֹרָה, קֶען מֶען אוֹיךְ זַיְין אַ בְּהֵמָה טְמֵאָה. ווִי דֶער רַמְבַּ"ן זָאגְט אַז מֶען קֶען זַיְין אַ נָבָל בִּרְשׁוּת הַתּוֹרָה (דָאס הֵייסְט אַז עֶס דוּכְט זִיךְ אוֹיס אַז דָאס אִיז בִּרְשׁוּת הַתּוֹרָה, בֶּאֱמֶת אִיז עֶר דָאךְ עוֹבֵר אוֹיפְן צִיוּוּי' פוּן קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ - אַ צִיוּוּי עִיקָּרִי וְשָׁרְשִׁי). אִיז אוֹיף צוּ מַבְחִין זַיְין וָואס אִיז אַ בְּהֵמָה טְהוֹרָה, גִיט דִי תּוֹרָה צְוֵויי סִימָנִים: א) מַפְרֶסֶת פַּרְסָה. ב) מַעֲלַת גֵּרָה.

---

13. *Pesachim* 50b; **the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah* 4:3; *Tanya*, ch. 39.**

14. See *Ramban's* commentary on *Vayikra* 19:2.

15. *Vayikra* 19:2. **see *Ramban's* commentary. See also *Tanya*, ch. 30.**

## The Mystical Dimension of the Kosher Signs

5. To focus on the lesson derived from split hooves: **In general, there is a fundamental difference between an animal's head and its feet – as is also understood from the laws of *tereifos,*** wounds or illnesses that render an animal non-kosher.[16] **Even in an animal, only the feet are close to the ground.** Metaphorically, **this teaches that the lofty faculties even of the animal soul should not be immersed in physicality, i.e.,** involved with coarse and **earthly matters.** One should engage in such activities **only with the faculties of action,**[17] and regarding those faculties, **only to the extent necessary.**

**It is related that the Rebbe (Rashab), of blessed memory, once told a chassid who was intellectually talented and respected** by his fellow chassidim, but **who had gone into the business of selling galoshes, "Feet in galoshes I have seen, but a head in galoshes...."**

**In addition,** even regarding **the foot's** connection with materiality, **there must be a hoof (פרסה,** ***parsah*** with a *hei*) **between the foot and the ground, creating a separation even between the feet and earthliness. The hoof, whose function is** like a **curtain (פרסא,** *parsa* **with an** *alef*) **– a separation that conceals, as mentioned above – must be split,** allowing light to pass through. **This means that even in earthly matters,** there must be space for **Divine light to shine through** – i.e., **one should** be able to **see G-dliness in them.**

To refer to a somewhat parallel concept: ***Chassidus***[18] **explains the concept of hair** as follows **– regarding a woman, her** exposed **hair is considered "nakedness,"**[19]

ה. בִּכְלַל אִיז אוֹיךְ בַּיי אַ בְּהֵמָה פַאַרַאן אַן עִיקָר'דִיקֶער חִילוּק צְווִישְׁן רֹאשׁ (קָאפּ) מִיט רֶגֶל (פוּס) - ווִי פַארְשְׁטַאנְדִיק אוֹיךְ פוּן הִלְכוֹת טְרֵיפוֹת וכו'. אִיז אוֹיסֶער דֶעם אֲפִילוּ בַּיי אַ בְּהֵמָה זַיְינֶען נָאעֶנְט צוּ דֶער עֶרְד נָאר דִי פִיס, דָאס הֵייסְט אַז מִיט דִי כֹּחוֹת נַעֲלִים אוֹיךְ פוּן נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית - דַארְף מֶען נִיט לִיגְן אִין גַשְׁמִיּוּת, עִנְיָנִים אַרְצִיִּים, נָאר מִיט דִי כֹּחוֹת פוּן מַעֲשֶׂה[ח] ווִיפְל מֶען מוּז.

- מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער רֶבִּי (מוֹהֲרַשַׁ"ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט גֶעזָאגְט צוּ אַ חָסִיד, ווֶעלְכֶער אִיז גֶעווֶען אַ צִיּוּר אוּן אַ בַּעַל כִּשְׁרוֹנוֹת ווָאס הָאט זִיךְ אַרַייְנְגֶעטָאן אִין מִסְחָר פוּן קַאלָאשְׁן: "פִיס אִין קַאלָאשְׁן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען, אָבֶער אַ קָאפּ אִין קַאלָאשְׁן..." -

אוֹיסֶער דֶעם דַארְף זַיְין אִין רֶגֶל, צְווִישְׁן דֶער פוּס אוּן דֶער עֶרְד - אַ פַּרְסָא, אַ הֶפְסֵק אֲפִילוּ צְווִישְׁן רַגְלַיִם אוּן עֶרְדִישְׁקַיְיט.

דִי פַּרְסָה ווָאס אִיר עִנְיָן אִיז כַּנַ"ל פַּרְסָא - בְּאַלֶ"ף - הֶפְסֵק וְהֶעְלֵם, דַארְף אָבֶער זַיְין אַ צֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע. דָאס הֵייסְט אַז אוֹיךְ אִין דִי עִנְיָנִים אַרְצִיִּים זָאל לַיְיכְטְן גֶ-טְלֶעכְקַיְיט, עֶר זָאל אִין זֵיי זֶען אֱלֹקוּת.

(ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת[ט] בְּעִנְיַן הַשַּׂעֲרוֹת, אַז בַּיי אַן אִשָּׁה אִיז שֵׂעָר בְּאִשָּׁה עֶרְוָה,

16. For example, even a slight perforation in the membrane surrounding the brain renders an animal *tereifah* (*Shulchan Aruch, Yoreh Deah* 31:1). The laws regarding a wound on the foot are not as severe.

17. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 1, pp. 61ff. and 189ff.

18. ***Likkutei Torah,*** *Vayikra,* **the** ***maamar*** **entitled** ***Venikdashti; Derech Mitzvosecha, mitzvas tiglachas metzora.***

19. *Berachos* 24a.

**and regarding the Levites, it is written,**[20] **"And they shall pass a razor over their entire flesh,"** implying that hair is a negative factor that must be removed for them to serve in the Sanctuary. Conversely, **however, regarding a Nazirite, it is written,**[21] **"He shall let the hair of his head grow,"** and it is designated as holy.

**The explanation for this** apparent paradox – that hair is sometimes holy and sometimes unholy – **is that when the** flow of **vitality and light is diminished, hair is a deficiency.** (The reason is that hair comes about through a process of **restriction,** i.e., the life-force that makes it grow must pass through – and while doing so is constrained by – **the barrier of the skull.) However, when the** spiritual **vitality and light are abundant, hair is necessary. Therefore,** it is written **regarding** the hair of **a Nazirite,**[21] **"It shall be holy; he shall let** his hair **grow wildly." Similarly, for an animal** to be kosher, **its hoof must be split** to allow G-dly light to pass through.[22]

**As stated in *Tanya,***[23] **"Even {when involved} in earthly matters, [the Jewish people] should not be separate from *echad haemes,* "[G-d's] true oneness."**[24] **Therefore –** to allow G-dly light to permeate into even the lowest dimensions of material existence – the hoof **must be entirely split,** i.e., G-dliness **should reach the lowest** dimensions of physical existence.

**Only then can one transform the animal** within one's own being **into a kosher animal.** In other words, in this way, **one's animal** nature **– the physical** dimension of existence **that is necessary for the body – will be a pure animal.**

אויך בַּיי דִי לְוִיִּים אִיז וְהֶעֱבִירוּ תַעַר כו׳, אָבֶּער בַּיי אַ נָזִיר שְׁטֵייט גַּדֵּל פֶּרַע שְׂעַר רֹאשׁוֹ. רֶעדט זִיךְ דֶער בִּיאוּר אִין דֶעם, אַז ווּאוּ דֶער חַיּוּת וְאוֹר אִיז בְּמִיעוּט דָארְט זַיְינֶען שַׂעֲרוֹת (צִמְצוּם, וְעַל יְדֵי הֶפְסֵק הַגֻּלְגּוֹלֶת) אַ חִסָּרוֹן, מַה שֶׁאֵין כֵּן ווּאוּ דֶער חַיּוּת אוּן אוֹר אִיז בְּרִיבּוּי - דַארְף זַיְין שַׂעֲרוֹת. דֶערְפַאר אִיז בַּיי אַ נָזִיר קָדוֹשׁ יִהְיֶה גַּדֵּל פֶּרַע וכו׳. וְכֵן הוּא בְּעִנְיַן הַפַּרְסָה פוּן אַ בְּהֵמָה אַז דִי פַּרְסָה דַארְף זַיְין אַ צֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע).

אוּן ווִי גֶעזָאגְט אִין תַּנְיָא׳, שֶׁגַּם בְּעִנְיָנֵי אֶרֶץ לֹא יִפָּרְדוּ מֵאֶחָד הָאֱמֶת - אַז אוֹיךְ אִין דִי עִנְיָנִים פוּן ווֶעלְט זָאל מֶען זִיךְ נִיט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - אֶחָד הָאֱמֶת. אוּן דֶערְפַאר דַארְף דִי צֶעשְׁפָּאלְטְנְקַיְיט זַיְין אוֹיף דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ - עֶס זָאל אָנְקוּמֶען אוֹיךְ גָאר אוּנְטְן.

ווָאס דֶעמָאלְט דַוְקָא קֶען מֶען מַאכְן פוּן דֶער בְּהֵמָה אַ בְּהֵמָה טְהוֹרָה, דָאס הֵייסְט אַז זַיְין בְּהֵמָה, דִי גַשְׁמִיּוּת ווָאס אִיז מוּכְרָח מִצַּד הַגּוּף, זָאל זַיְין אַ בְּהֵמָה טְהוֹרָה.

20. *Bamidbar* 8:7.

21. Ibid. 6:5.

22. The Rebbe is emphasizing that because material involvement – the earth – can be a negative factor, a person must be somewhat disengaged, like the animal's foot is covered by a hoof. However, the hoof must be split; in other words, it must allow Divine light to pass through it. Hair serves as an analogy for this process, because the skull separates between the hairs and the source of their nurture. Because of that separation, the vitality that passes into the hair is diminished. For that reason, hair can be a negative factor. However, when much light passes through – as in the hairs of a Nazirite – which grow wildly, the hair can be a positive factor. Similarly, when the cleft of the hoof passes from one side to the other, G-dly light can reach and permeate even material matters.

**23. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 9.**

24. When we refer to G-d as "one" in the *Shema,* our intent is not merely that there is only one G-d, but that G-d is one with all existence, even the lowest forms of material entities (*Tanya,* loc. cit.) by speaking of G-d's "true oneness," the Alter Rebbe in *Tanya* – and the Rebbe here in the *sichah* – is emphasizing this all-pervasive element of G-dliness.

**As stated in *Kehilas Yaakov,* composed by the author of the book *Melo HaRo'im*, the word בהמה (*beheimah*, animal) is an acronym for בשר היורד מן השמים (*basar hayoreid min hashamayim*, "flesh that descends from Heaven").** Such flesh **is certainly pure, for "nothing impure descends from Heaven."**[25]

אוּן ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין קְהִלַּת יַעֲקֹב פוּן בַּעַל הַמְחַבֵּר סֵפֶר מְלֹא הָרוֹעִים אַז בְּהֵמָה אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: בָּשָׂר הַיּוֹרֵד מִן הַשָּׁמַיִם, ווָאס דַאן אִיז זִי אַוַדַאי אַ טְהוֹרָה, כִּי אֵין דָּבָר טָמֵא יוֹרֵד מִן הַשָּׁמַיִם[יא].

## Avoiding a Slippery Slope

**6. There is another aspect to** the sign of **a split hoof**[26] **– the hoof is split into two parts. This means that** the way one walks, i.e., **proceeds on the earth and involves himself with earthly matters,** should not be confined to a singular approach, but **should be characterized by two motifs, "the right hand [that] draws near and the left hand [that] pushes away."**[27]

ז. נָאךְ אַ פְּרַט אִיז דָא אִין מַפְרִיס פַּרְסָה[יב], אַז דִי פַּרְסָה אִיז צֶעשְׁפָּאלְטְן אוֹיף צְווֵייעֶן, דָאס הֵייסְט אַז דֶער הִילוּךְ עַל הָאָרֶץ, דֶער הָאבְּן צוּ טָאן מִיט עִנְיָנִים אַרְצִיִּים, דַארְף זַיְין אִין צְווֵיי תְּנוּעוֹת, יְמִין מְקָרֶבֶת וּשְׂמֹאל דּוֹחָה[יג].

**There are some who operate only with "the right hand [that] draws near," without any restraint. They argue that in order to bring Jews closer to Torah, it is worthwhile to compromise** certain **aspects of the Torah and even to remake the Torah according to the spirit of the times (Heaven forbid).**

עֶס זַיְינֶען פַאראַן אַזֶעלְכֶע ווָאס בַּיי זֵיי אִיז נָאר דֶער יְמִין מְקָרֶבֶת, אָן קֵיין שׁוּם אָפְּהַאלְט. זֵיי טַעֲנֶה'ן אַז בִּכְדֵי צוּ מְקָרֵב זַיְין אִידְן צוּ תּוֹרָה, אִיז כְּדַאי צוּ פַארְבּוֹיגְן עִנְיָנִים פוּן תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ אִיבֶּערְמַאכְן חַס וְשָׁלוֹם תּוֹרָה לְפִי רוּחַ הַזְּמַן.

**The idea that we should bring all Jews closer to Torah is indeed true. As has been discussed several times,**[28] **the *mishnah*** that teaches,[29] **"Love the created being and draw them close to Torah," implies that even those who are merely "created beings," i.e., who have no positive virtue other than being G-d's creations,**[30] **should also be brought closer to Torah.**

דֶער עִנְיָן אַז מֶען דַארְף מְקָרֵב זַיְין אַלֶע אִידְן צוּ תּוֹרָה, אִיז טַאקֶע אֱמֶת, ווִי מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדט מֶערֶערֶע מָאל[יד] אִין דֶעם פֵּירוּשׁ הַמִּשְׁנָה[טו], אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה, אַז אֲפִילוּ דִי ווָאס זַיְינֶען נִיט מֶער ווִי בְּרִיּוֹת בְּעָלְמָא, דָאס הֵייסְט ווָאס זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ נִיט קֵיין מַעֲלָה מֶער נִיט ווָאס זֵיי זַיְינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן[טז], דַארְף מֶען אוֹיךְ זֵיי מְקָרֵב זַיְין צוּ תּוֹרָה.

**However, the argument that for this purpose one should make modifications – which in truth are corruptions of – in the Torah runs contrary to the Torah's path (Heaven forbid). As the wording**

אָבֶּער דָאס ווָאס זֵיי טַעֲנֶה'ן אַז צוּלִיבּ דֶעם זָאל מֶען מַאכְן תִּקּוּנִים - ווָאס בֶּאֱמֶת זַיְינֶען דָאס קִלְקוּלִים - אִין תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם, דָאס אִיז הֵיפֶּךְ

25. *Sanhedrin* 59b.

26. The Rebbe explains **an additional lesson** that can be derived from the sign of a split hoof **in *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 378.**

27. *Sotah* 47a; *Sanhedrin* 107b.

28. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 99ff., Vol. 2, p. 316ff.

29. *Avos* 1:12.

30. *Tanya,* ch. 32.

**of that *mishnah* itself states, one must "bring them closer to Torah." They should be brought** closer **to the Torah, but the Torah should not be drawn** closer to them **and remade to fit their spirit.**

**Even if this argument – that by** compromising Torah principles **one would bring Jews closer – were valid,** it is untenable according to our Torah tradition. **This** principle **must be known: According to Jewish Law, one is forbidden to change even the smallest detail of Torah, whether it is a Scriptural law, a Rabbinic law, or even an enactment established by our Sages in recent generations.**

The only exception would be a change initiated by **a true Prophet and only then as a temporary measure.** In such an instance, **following the Prophet's** instructions **would be mandated by the Torah and, hence, like all *mitzvos,* would be obligatory.** The classic example is that of **Prophet Eliyahu on Mount Carmel,** where he commanded the people to offer a sacrifice even though it was not being offered in the *Beis HaMikdash.* Since he was **a Prophet and commanded this only as a temporary measure,** the people were obligated to follow his directive.[31] However, **otherwise, one is forbidden to deviate even the slightest degree from the Torah, regardless of what might be accomplished by doing so.**

**Moreover, the truth is that not only will such compromises not bring about any improvement or draw Jews closer to Torah, but on the contrary, they will make matters worse. The** people making such compromises **will be subsumed within** – and overwhelmed by – **those** they are trying to influence **until,** ultimately, **they will completely deviate from the Torah and Judaism.**

**There is a well-known analogy which my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz used to **illustrate this situation: A person** who becomes **lost in a for-**

31. See *Rambam, Hilchos Yesodei HaTorah* 9:3.

דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, און ווִי דֶער לָשׁוֹן אִין דֶער מִשְׁנָה גוּפָא: וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה, צוּבְּרֶענְגֶען זֵיי צוּ תּוֹרָה, אָבֶּער נִיט שְׁלֶעפְּן דִי תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם און אִיבֶּערְמַאכְן זִי לְפִי רוּחָם.

אֲפִילוּ אוֹיבּ זֵייעֶר טַעֲנָה וָואלְט גֶעווֶען אַ גֶערֶעכְטֶע טַעֲנָה, אַז דוּרְךְ דֶעם ווֶעט מֶען מְקָרֵב זַיְין אִידְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עַל פִּי דִין הַתּוֹרָה טָאר מֶען נִיט מְשַׁנֶּה זַיְין חַס וְשָׁלוֹם אֲפִילוּ קֵיין דִקְדּוּק קַל פוּן תּוֹרָה, סַיי אַ דְאוֹרַיְתָא, סַיי אַ דְרַבָּנָן, און אֲפִילוּ דָאס וָואס רַבּוֹתֵינוּ הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעווֶען אִין דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת.

- סַיְידְן אַ נְבִיא אֱמֶת און ווֶען עֶר זָאגְט עֶס בְּדֶרֶךְ הוֹרָאַת שָׁעָה בִּלְבַד, - וָואס דַאן אִיז דָאס אַ דִין פוּן תּוֹרָה - ווִי אַלֶע מִצְוֹת - אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אִים, און אַזוֹי ווִי אֵלִיָּהוּ בְּהַר הַכַּרְמֶל, אַ נָבִיא, און דָאס אוֹיךְ בְּלוֹיז בְּדֶרֶךְ הוֹרָאַת שָׁעָה״, אָבֶּער ווֶען נִיט דָאס, טָאר מֶען נִיט אָפְּקֶערְן חַס וְשָׁלוֹם אַ זִיז כָּל שֶׁהוּא פוּן תּוֹרָה, נִיט קוּקְנְדִיק וָואס דוּרְךְ דֶעם ווֶעט מֶען אוֹיפְטָאן -

וּבִפְרַט אַז דֶער אֱמֶת אִיז, אַז נִיט נָאר וָואס דוּרְךְ דֶעם ווֶעט מֶען גָאר נִיט מְתַקֵּן זַיְין און מֶען ווֶעט נִיט מְקָרֵב זַיְין אִידְן צוּ תּוֹרָה, נָאר אַדְּרַבָּה, מֶען מַאכְט דוּרְךְ דֶעם עֶרְגֶער, מֶען ווֶערְט אַלֵיין אַיְינְגֶעשְׁלוּנְגֶען אִין זֵיי, בִּיז מֶען קֶערְט אָפּ חַס וְשָׁלוֹם לְגַמְרֵי פוּן תּוֹרָה און אִידִישְׁקַיְיט.

ווִי דֶער בַּאוואוּסְטֶער מָשָׁל פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ״ר, אַז בְּשַׁעַת אַ מֶענְטשׁ גֶעפִינְט זִיךְ פַארְבְּלָאנְדזשֶׁעט אִין וַואלְד צְווִישְׁן

חַיּוֹת הַטּוֹרְפוֹת - מֵיינְט דָאךְ דָאס נִיט אַז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיְין הוֹיז גְלַייְך אִין מִיטְן טִיפְן וַואלְד. נָאר פְרִיעֶר אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַמֶּלֶךְ, מַלְכּוֹ שֶׁל עוֹלָם, און דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָפְּגֶעקֶערְט פוּן דֶעם דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ אֵיין חוּט הַשַּׂעֲרָה, און צוּ דֶער חוּט הַשַּׂעֲרָה נָאךְ אַ חוּט הַשַּׂעֲרָה, און נָאךְ אַ חוּט הַשַּׂעֲרָה, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין טִיפְן וַואלְד צְווִישְׁן חַיּוֹת טוֹרְפוֹת.

est among predatory animals did not find himself there suddenly; he did not leave his house and immediately enter the depths of the forest. Instead, it was a gradual process. He began walking on the king's highway – the path of the King of the Universe. Then, he turned a hairsbreadth off the king's highway, proceeded further, then deviated another hairsbreadth, and yet another hairsbreadth. He continued on his path until he realized that he was deep in the forest, with predatory beasts all around him.

## A Deeper Conception of Chewing the Cud

ח. דֶער סִימָן פוּן מַפְרֶסֶת פַּרְסָה אַלֵיין אִיז אָבֶּער ווֵיינִיק, מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיךְ דֶעם סִימָן פוּן מַעֲלַת גֵּרָה.

יֶעדֶער דָּבָר גַּשְׁמִי וָואס מֶען גֵייט טָאן, דַארְף מֶען גוּט אִיבֶּערְקַייעֶן, מְבָרֵר זַיְין אֵיין מָאל און נָאךְ אַמָאל, צִי עֶר זָאל דָאס טָאן, און ווִי עֶר זָאל דָאס טָאן און נָאר דַאן אִיז עֶס אַ בְּהֵמָה טְהוֹרָה.

עַל פִּי חֲסִידוּת - הָעִנְיָן דִּכְלָלוּת הַבֵּירוּרִים - בֵּירוּר בַּ"ן וְאַחַר כַּךְ בֵּירוּר מַ"ה.

**7. However, the sign of a split hoof alone is insufficient** for an animal to be considered kosher; **it must have an additional sign: chewing its cud.**

There is a metaphoric dimension to this requirement. Before engaging in **any physical activity one is thinking of doing, he must thoroughly "chew it over," clarifying once and then again whether he should do it, and how he should do it. Only then** will his actions be similar to **a kosher animal.**

**According to *Chassidus,***[32] chewing the cud – further chewing partially digested food – symbolizes **the general concept of *birurim:*** The mission of refining the world's material substance that was given to humanity. That task is twofold. The first stage involves **the refinement empowered by** the Divine name with the numerical equivalent of **בן**, ***ban,* 52.** This phase comprises elevating the coarseness of physical existence. The second stage involves **the refinement empowered** by the Divine name with the numerical equivalent of **מה**, *mah,* **45.** This phase comprises a further degree of refinement, enabling an entity that had already been refined to undergo further refinement and be absorbed within holiness.

---

32. See *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 7a ff., *et al.*

## When One's Own Knowledge Is Not Enough

**8. There is** also **a lesson that can be derived from the signs of a kosher fowl:** The signs of a kosher fowl are not explicitly mentioned in the Torah but rather were attested to by our Sages. The Sages clarified that **we cannot rely on the signs alone; rather, there must be a tradition** that this species of fowl is kosher.[33] When there is no known tradition regarding whether a species of fowl is kosher, a person's word is accepted if he says, "My teacher ("Rebbe") the hunter permitted this species."[34]

**On the surface, why is a tradition necessary? One should be able to see the signs and know on one's own. Nevertheless, the point** of the law **is that** a person **cannot rely on his own understanding. It is possible to study the** ***Shulchan Aruch***[35] **and – according to one's own understanding –** be committed to carrying out G-d's law to the extent that he thinks he is **even conducting himself beyond the letter of the law, yet at that very moment to be in the lowest depths.** Every person **must** measure himself against the objective yardstick of **tradition.**

Implied in the Hebrew word for **"tradition,"** *mesorah*, **is the meaning "dedication" and "devoted connection."** To refer back to the passage from the *Shulchan Aruch* mentioned above, to know what is kosher, it is necessary to have **a devoted connection to a Rebbe, "a Rebbe that is a hunter,"** [i.e.,] one who hunts **for Jewish souls and is actively involved in saving** them. **He is "expert in them and their names,"**[34] knowing how to protect them **from the counsel of the evil inclination.**

ט. נָאךְ אַ הוֹרָאָה קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן סִימָנֵי טַהֲרָה בַּיי אַן עוֹף.

בַּיי אַן עוֹף, טָאר מֶען אוֹיף סִימָנִים אַלֵיין זִיךְ נִיט פַארְלָאזְן אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיךְ מְסוֹרָה[ח]. אִין פְלוּג, צוּלִיבּ וָואס דַארְף מֶען הָאבְּן מְסוֹרָה? מֶען קֶען דָאךְ זֶען דִי סִימָנִים אוּן אַלֵיין וִויסְן. נָאר דֶער עִנְיָן אִיז, אַז אוֹיפְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל קֶען מֶען זִיךְ נִיט פַארְלָאזְן, מֶען קֶען לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אֲפִילוּ פִירְן זִיךְ, לוֹיט זַיְין שֵׂכֶל, לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין אוּן זַיְין בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלַן. עֶס דַארְף זַיְין מְסוֹרָה, וָואס מְסוֹרָה אִיז אוֹיךְ פוּן לָשׁוֹן מְסִירָה וְהִתְקַשְּׁרוּת, הִתְקַשְּׁרוּת צוּם רֶבִּי'ן, וְרַבִּי צַיָּד, אַ רֶבִּי וָואס הָאט זִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶועְן אִין מַצִּיל זַיְין נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיז בָּקִי בָּהֶם וּבִשְׁמוֹתֵיהֶם, פוּן עֲצַת הַיֵּצֶר.

(מלוקט משיחות ש"פ ראה תש"י, ש"פ שמיני תשט"ז)

---

33. *Shulchan Aruch, Yoreh Deah* 82:3.

34. Ibid. 82:2.

35. The Code of Jewish Law.

---

א) צפנת פענח (להרגצובי) על הרמב"ם ריש הלכות מאכלות אסורות - עיין שם כל זה בארוכה. ולהעיר ממורה נבוכים ח"ג פמ"ח. זע אויך לקו"ש ח"ב ע' 573 ואילך.

ב) בכורות ה, ב.

ג) שבת סוף פרק ט, זע אויך חולין סוף פרק ג ובחידושי אגדות שם.

ד) ד"ה תרנגולתא, נדה נ, ב.

ה) רמב"ן על התורה ויקרא יא, יג. ועוד. זע אויך שולחן ערוך יורה דעה סוף סימן פא.

ו) הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן פרק ד הלכה ג. תניא פרק לט.

ז) רמב"ן ריש פרשת קדושים. זע אויך תניא פרק ל.

ח) זע אויך לקו"ש ח"א עמוד 16 און ווייטער און 981 און ווייטער.

ט) לקוטי תורה ד"ה ונקדשתי. דרך מצותיך מצות תגלחת מצורע.
י) אגרת הקדש סימן ט.
יא) סנהדרין נט, ב.
יב) הוראה נוספת בזה זע לקו"ש ח"ב ע' 873.
